

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

מכינה ב'

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

# שאלות אויף פרשת לך לך

**א. וועלכע סדרה גייט די וואך ?** לך לך.

**ב. וואס איז טייטש לך לך ?** גיי אוועק וועגן דיין גוט'ס.

**ג. ווער זאל אוועק גיין ?** אברם.

**ד. פון וואו זאל ער אוועק גיין ?** פון זיין טאטע'ס שטוב.

**ה. ווער איז געווען אברם'ס טאטע ?** תרח.

**ו. וואס איז ער געווען ?** אַ גוי.

**ז. צו וועמען האט ער געדאווענט ?** צו די געטשקעס.

**ח. מעג מען דאווענען צו די געטשקעס ?** ניין, א געטשקע איז א קלאץ.

**ט. צו וועמען דארף מען דאווענען ?** צו דער אייבישטער וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט.

**י. וואס האט אברם געמאכט ווען ער איז געווען א קליינער יונגל ?** ער האט גענומען א האמער און צובראכן אלע געטשקעס.

**יא. וואו האט נמרוד אריין געווארפן אברם ?** אין א פייער.

**יב. אברם ווערט פארברענט ?** ניין, דער אייבישטער שיקט א מלאך זאל מאכן קאלט די פייער.

**יג. אוואו האט דער אייבישטער געהייסן פאר אברם ער זאל גיין ?** אויף ארץ ישראל.

**יד. וואס איז געווען אין ארץ ישראל ווען אברם איז דארטן אנגעקומען ?** אַ גרויסע הינגער, עס איז נישט געווען וואס צו עסן.

**טו. וואו איז אברם געגאנגען ?** קיין מצרים.

**טז. וואו האט אברם באהאלטן שרי ?** אין אַ קאסטן.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'**

**הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו**

# המשך שאלות אויף פרשת לך לך

**יז. פארוואס ?** ווייל זי איז געווען זייער אַ שיינע.

**יח. האט מען געטראפן שרי אין די קאסטן און אוועק געכאפט ?** יא.

**יט. ווער ?** די פאליציי פון מצרים.

**כ. וואס האט מען געמאכט מיט שרי ?** מ'האט איר געטראגן צו פרעה.

**כא. וואס האט דער אייבישטער געמאכט פאר פרעה ?** ער האט געשיקט פאר פרעה אַ מלאך ער זאל איהם שלאגן.

**כב. פרעה האט צוריק געגעבן שרי ?** יא.

**ניגון אויף די פרשה:**

*אוי אוי אברם, אוי אוי אברם, צוברעכט זיין טאטעס געטשקעס 2X*

*אוי אוי נמרוד, אוי אוי נמרוד, ווארפט אידם אריין און פייער 2X*

*אוי אוי דער אייבישטער, שיקט אראפ א מלאך און ער מאכט קאלט די פייער 2X*

*אברם ווערט נישט פארברענט, אלע קענען זעהן אברם ווערט נישט פארברענט 2X*

*(בניגון אוי אוי אוי שבת... אוי אוי אוי שבת...)*

בברכת אַ גוט שבת און אַ געזונטן ווינטער

און פיל נחת פון די קינדער

המלמדים



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'**

**הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו**

# די וואך האבן מיר פארציילט:

**- המשך מפרשת נח -**

## אברם בתוך כבשן האש

נמרוד איז געווען א קעניג אויף די גאנצע וועלט, אלע מענטשען האבן זיך געביקט צו איהם, אלע האבן מורא געהאט פון איהם, ווייל ער איז געווען א גיבור, - תרח האט געהאט א געשעפט און ער האט דארט פארקויפט געטשקעס [מיר האבן מסביר געווען פאר די קינדער אז א געטשקע קען גארנישט מאכן נישט זעהן נישט רעדן... נאר ס'איז א קלאץ], נמרוד מיט תרח זאגן אז מ'דארף נישט דאווענען צו דער אייבישטער ח"ו נאר צו א געטשקע, תרח האט פארקויפט געטשקעס אז ווער ס'וויל דאווענען זאל קויפן א געטשקע אין מ'וועט דאווענען צו די געטשקע אין נישט צו דער אייבישטער, תרח האט געבוירן א באבעלע, די באבעלע האט געהייסן אברם, ווען אברם איז געווארן א אינגל פון דריי יאר אין ער האט געזעהן די שיינע וועלט די זוהן אין די לבנה האט ער אליינס געוויסט אז ס'איז דא איין באשעפער אויף די גאנצע וועלט אין מ'דארף דאווענען נאר צו דער אייבישטער אין מ'טאר נישט דאוונען צו די געטשקעס וואס זיין טאטע תרח פארקויפט, ווייל א געטשקע איז נאר א קלאץ און ס'קען גארנישט מאכן נישט זעהן נישט רעדן נישט גיין נישט טראכטן, נאר דער אייבשטער קען אלעס מאכן אין וויסט אלעס אין זעהט אלעס, - תרח איז איינמאל געווען קראנק ער האט נישט געקענט גיין אין געשעפט ער איז געליגן אין בעט, האט ער געהייסן פאר זיין זוהן אברם אז ער זאל גיין אין געשעפט פארקויפן די געטשקעס, אברם איז געגאנגען אין געשעפט אין ווען איינער איז געקומען קויפן א געטשקע האט איהם אברם געזאגט אז מ'טאר נישט דאווענען צו א געטשקע נאר צו דער אייבישטער וואס האט באשאפען די גאנצע וועלט, און די אלע מענטשען האבן נישט געקויפט געטשקעס, - איינמאל ווען אברם איז געווען א קליין אינגל האט ער גענומען א האמער אין צובראכן אלע געטשקעס, נאר איין גרויסע געטשקע האט ער איבער געלאזט און נישט צובראכן, און די האמער האט ער אריין געלייגט אין די גרויסע געטשקע, ווען תרח איז געקומען אין געשעפט און ער האט געזעהן די אלע צוברכנע געטשקעס, האט ער געפרעגט פאר אברם ווער האט צובראכן די געטשקס, האט אברם געענטפערט אז די גרויסע געטשקע האט אלעס צובראכן ווייל זיי האבן זיך געקריגט אויף די עסן, האט תרח געזאגט פאר אברם ס'קען נישט זיין, האט אברם געפרעגט פאר תרח איז פארוואס דאוונסטו צו די געטשקע'ס, תרח איז געגאנגען פארציילן פאר נמרוד די קעניג אז אברם האט צובראכן אלע געטשקע'ס, נמרוד האט געהייסען אז מ'זאל איהם אריין לייגן אין תפיסה, און מ'האט איהם אריין געלייגט אין תפיסה, און דער אייבישטער האט געשיקט יעדן טאג א מלאך זאל איהם אכטונג געבען און ברענגן צו עסן און טרינקען, נאכדעם האט נמרוד געמאכט א גרויסע פייער און מ'האט אריין געווארפן אברם אין די פייער, אבער דער אייבישטער האט אכטונג געגעבן אויף איהם אן ס'איז אראפ געקומען מלאכים פון הימל און זיי האבן געמאכט אז די פייער זאל זיין קאלט און נישט הייס, אין אלע גוים אין נמרוד האבן געזען אז אברם איז גערעכט אז ס'איז דא איין באשעפער אויף די גאנצע וועלט אין מ'דארף דאווענען נאר צו די אייבישטער און מ'טאר נישט דאוונען צו א געטשקע.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'**

**הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו**

### - פרשת לך לך -

## לך לך

דער אייבישטער זאגט פאר אברם גיי אוועק פון דיין טאטע'ס שטוב אין דער אייבישטער זאגט איהם צו אז ער וועט איהם בענטשן, אברם איז טאקע געגאנגען מיט זיין וויב שרי און לוט איז מיט געגאנגען מיט זיי, זיי זענען געגאנגען קיין ארץ ישראל, זיי זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל דארט איז דעמאלטס געווען א הונגער, א הונגער הייסט אז ס'איז נישטא וואס צו עסן נישט ברויט נישט קיכלעך ס'רעגנט נישט ס'איז גארנישט דא צו קויפן עסן די אלע געשעפטן זענען ליידיג ס'איז דא ליידיגע שאפעס..., פון דארט איז אברם געגאנגען קיין ארץ מצרים, אין ארץ מצרים איז געווען א קעניג וואס האט געהייסן פרעה, אברם האט מורא געהאט אז די מצריים גוים וועלן אוועק נעמען זיין וויב שרי, וייל שרי איז געווען א שיינע מאמע, האט אברם געמאכט א קאסטן (נישט א גרויסע אזוי ווי נח האט געמאכט פון דריי שטאק) און אין די קאסטן האט זיך שרי די וויב פון אברם באהאלטן, אברם מיט לוט שלעפן די קאסטן זיי קומען אן קיין מצרים האבן די פאלציי געעפנט די קאסטן אין זיי האבן דארט געטראפן די שיינע מאמע שרי, און זיי האבן געטראגן שרי צו די שטוב פון פרעה די קעניג פון מצרים, דער אייבישטער האט באשטראפט פרעה ווייל ער האט אוועק גענומען שרי, ס'איז אראפ געקומען א מלאך אין ער האט געשלאגן פאר פרעה, ביז ווען פרעה האט שנעל צוריק געגעבן שרי פאר אברם דעמאלטס האט דער מלאך אויפגעהערט צו שלאגן פרעה.

די גאנצע צייט ווען אברם איז געגאנגען מיט זיינע שאף (ציגלעך לעמלעך) האט אברם געלייגט אויף זייער מויל א שטאפער אז זיי זאלן נישט עסן פון אנדערע פעלדער נאר פון וואס גיהערט פאר אברם, אבער לוט האט נישט געלייגט פאר זיינע שאף שטאפערס ער האט יא געלאזט פאר זיינע שאף עסן פון אנדערע פעלדער, נאכדעם איז אברם אוועק געגאנגען פון לוט, אברם איז געגאנגען אין איין פלאץ און לוט איז געגאנגען אויף א אנדערע פלאץ.

## הצלת לוט

ווייל לוט האט זיך גע'חבר'ט מיט שלעכטע חברים האט אים דער אייבישטער באשטראפט אז גוים האבן אוועק געכאפט לוט מיט אלע זיינע זאכן זיין גאנצע שטוב ווען אברם האט געהערט אז מ'האט אוועק געכאפט לוט איז אברם געגאנגען מלחמה האלטן מיט די אלע גוים, די אלע גוים זענען געווען אסאך זיי האבן געהאט שיסער'ס, אין זיי האבן געשיסט אויף אברם, און אברם איז געווען דארט אליין מיט אליעזר און ער האט נישט געהאט די שיסער'ס, האט דער אייבישטער געמאכט א נס אז ווען אברם האט געווארפן זאמד איז געווארן פון דעם באמב'עס, און די באמבע'ס וואס די אלע גוים האבט געווארפן איז געווארן זאמד, אין אזוי האט אברם געווינען די אלע גוים אין ער האט אויך צוריק גענומען לוט מיט זיינע זאכן.

## ויאמר אליו

דער אייבשטער זאגט פאר אברם אז ער הייסט שוין נישט אברם נאר אברהם, און זיין וויב שרי הייסט נישט שרי נאר שרה.